# אַ ייִדיש איַינשפּריצונג

## דער כּוח אין ייִדישע לידער

– פון לייבל באָטוויניק

(אויף ענגליש:
A Yiddish Shot in the Arm
(– The Power in Yiddish Songs


אָנגעשריבן פון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה׳תשס״ט.

# אינהאַלט און לידער

דער כּוח אין ייִדישע לידער ........ 3
געקומען איז די צײַט – פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען ........ 5
צו מײַן פֿאָלק – פֿון לייב נײַדוס ........ 5
"... דער טאָג איז הייס, די מלחמה איז שווער..." ........ 7
רב מאָטעניו – פֿון אהרון צייטלין ........ 7
האָט מען ניט קיין גאָט, זוכט מען געצן, און די גיבן קיין תּורה ניט ........ 8
מיין נישט – פֿון יצחק לייבוש פּרץ ........ 8
אהבת עולם און אהבת חינם ........ 10
דעם בעל-שם טובס זמרל – פֿון משה באַסין ........ 10
אַלע ברידער ("די קאַלעקאָטקע") – פֿון מאָריס ווינטשעווסקי ........ 12
אחדות – פֿון מאָריס ווינטשעווסקי ........ 14
אויפֿן פּריפּעטשיק ("דער אלף-בית") – פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקי ........ 14
נאַציאָנאַל-געפֿיל – פֿון יהואש ........ 16
תּורה – די הויפּט באַזע פֿאַר דער ליטעראַטור אין ייִדיש ........ 17
"... תֵּלֵכוּ ..." (איר זאָלט גיין) ........ 17
קאָצק – אומבאַקאַנט ........ 18
זינגט זשע אַלע ייִדעלעך – אומבאַקאַנט ........ 19
אונדזער שטעטל ברענט! – פֿון מרדכי געבירטיג ........ 20
זאָל שוין קומען די גאולה – פֿון שמערקע קאַטשערגינסקי ........ 21


אָנגעשריבן פֿון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה'תשס"ט.

# דער כּוח אין ייִדישע לידער

אין דער הײַנטיקער צײַט פון הפקרות און ספקות, צווייפל און צעטומלעניש, סכנות און אַרויסרופן, אויף דער וועלט בכלל, און פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק בפרט, – טאָר מען ניט אונטערשאַצן דעם כּוח פון ייִדיש, און דער עיקר פון ייִדישע לידער.

ייִדיש שפּראַך און קולטור, – אין אַלע אירע פֿאַרבן און זשאַנערן (הומאָר, דראַמע, פּראָזע, פּאָעזיע, און געזאַנג), סײַ אינעם פֿאָלקס-פֿאָרמאַט, און סײַ אין דער אויסגעפּוצטער פֿאָרם פון דער ליטעראַטור – האָבן געדינט במשך פון קנאַפּע 1000 יאָר, צו היטן דאָס ייִדיש פֿאָלק און העלפן עס איבערלעבן די סכּנות און שטרויכלונגען פון דער צײַט. ווי אַ מאַמע איר קינד – געפּינט מען אין "מאַמע-לשון" ייִדיש צערטלעכקייט, זאָרג, קראַפט, און דערמוטיקונג פֿאַרן ייִדישן יחיד און פֿאַרן כּלל.

במשך פון צענדליקער דורות האָט דאָס ייִדיש ליד געדינט דעם ייִדישן פֿאָלק, – אָנהייבנדיק פון די וויגלידער, קינדער, יוגנט, און משפּחה לידער, ביז צו די לידער פון קאַמף פֿאַר מענטשן-רעכט און יושר. אין די בעסטע צײַטן פון שמחות, שבת, און יום-טוב, האָט דאָס ייִדיש געזאַנג אַרײַנגעבראַכט די ריכטיקע שטימונג. אין די ערגסטע צײַטן פון מלחמה און קאַמף פֿאַרן לעבן, האָט עס אונדז באַשיצט, געשטיצט, און געמוטיקט, סײַ קעגן פיזישן שׂונא, און סײַ קעגן דער פֿאַרקריפּלונג פון פּחד, פֿאַרלוירענער אמונה, צי גײַסטישער אונטערגאַנג.

יאָר אײַן, יאָר אויס, – דאַקעגן, – לייענט מען אין דער ייִדישער פּרעסע וועגן דער סכּנה פון אַסימילאַציע, וועגן דער וואַקסנדיקער פּראָצענט פון געמישטע חתונות, וועגן דער פֿאַרשוואַכטער ייִדישער דערציִונג, מאָראַלישער געפֿאַלנקייט בײַ דער יוגנט,... און ערגערס. אויף ציוניסטישע און אַלגעמיין-ייִדישע קאָנפֿערענצן פון גרעסערע און קלענערע אָרגאַניזאַציעס אין ישׂראל, אייראָפּע, און אין אַמעריקע, טוט מען דאָס ווידער און נאָכאַנאַנד דיסקוסירן, ... "**אַד-נאַוזעום**" (ביז עס קריכט אַרויס פון האַלדז), ... און צו קיין טאָלק דערגייט מען ניט.

אמת, מע דאַרף פֿאַרשטאַרקן ייִדישע דערציִונג. אמת מע דאַרף שטאַרקן און מונטערן די יסודות פון ייִדישקייט... אָבער אָן אַן אייגענעם לשון? אין פֿרעמדע שפּראַכן? אַמאָל האָט די יוגנט נאָך געהערט ייִדיש, גערעדט ייִדיש, געלערנט אין ייִדיש (מיר מיינען דאָ, פֿאַרשטייט זיך, וועגן די אָפּשטאַמיקע פון ייִדיש-ריידנדיקע היימען) – האָט מען בײַ זיי כאָטש אַ ביסל ייִדישקייט און ייִדישער עטיק נאָך אַרײַנגעפֿלאַנצט – דאָס וואָס מע רופֿט אָן "אַ ייִדיש האַרץ". אָבער מער ניט. אין כּמעט אַלע קהילות פון פֿאַרשפּרייטן אשכּנז, און אויך אין ארץ ישׂראל האָט מען ס'אייגן ייִדיש לשון לעבעדיקערהייט באַגראָבן, און דער יוגנט אָפּגעוואוינט פון דעם – פון דעם היימישן ייִדיש... און ממילא פון ייִדישקייט.

עס שטייט, למשל, אַז אַ דאַנק דרײַ זאַכן האָבן די בני-ישׂראל אויסגעהאַלטן, און זיך אײַנגעהאַלטן צוזאַמען ווי אַ פֿאָלק אין מצרים אונטער די ערגסטע באַדינגונגען פון שקלאַפֿנדינסט און אויסנוצערײַ: זייער קליידונג, זייערע נעמען, און זייער לשון...

מע דערציילט אַ וויץ וועגן אַ פֿרוי אין מדינת ישׂראל וואָס רעדט ייִדיש-לשון מיט איר קינד. פֿרעגט מען זי, פֿאַרוואָס זי רעדט ניט עברית מיטן קינד – ווי אַלע טוען עס. ענטפֿערט זי: "איך וויל ניט אַז ער זאָל פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד..."

פאַראַן אויך אַ באַקאַנט ווערטל: ״דער ייִד איז דער באַראָמעטער פון דער וועלט מצב: לעבט זיך בײַ ייִדן גוט, איז גוט אויף דער וועלט. טאָמער ניט, איז אָך-און-וויי״. קען מען דאָס אויך זאָגן וועגן ייִדיש: אַז זי איז דער באַראָמעטער פון ייִדישן פאָלק.

אונדזערע מנהיגים האָבן געמאַכט אַ טעות, — אַ היסטאָרישער טעות, מיטן אַרויסשטויסן ייִדיש לשון פון ייִדישן לעבן. צום באַדויערן, זײַנען זיי ניט גרייט דאָס צו אָנערקענען, נאָר זיי טוען ווידער אַמאָל, און נאָך אַמאָל רעדן וועגן ״ראַטעווען די סיטואַציע״. אָבער זייערע מעטאָדן זײַנען אָפּטמאָל פוסטע, אָדער בלויז טיילווײַז מצליח.

פונדעסטוועגן, קען מען דאָך נאָך עפּעס טאָן: מע דאַרף באַנײַען, דערפרישן, און אַרײַנבלאָזן נײַע ווינטן פון כּוח און גײַסט אין די זעגלען פון די דערשלאָגענע, פאַרצווייפלטע ייִדישע שיפלעך וואָס בלאָנדזשען אַרום איבער די סכּנהדיקע ימען פון לעבן. מע דאַרף באַפרײַען, אינספּירירן און דערמוטיקן, די פרישע הערצער פון יונגע און ריינע ייִדישע נשמות אויף דער וועלט. און דורך ייִדיש, און דורך דעם טײַערן שליסל פון ייִדישן ליד, קען מען דאָס דערגרייכן.

/**********************/

די דאָזיקע אַרבעט צילט אויפצואווײַזן מיט בײַשפּילן, די טיפקייט, די רײַכקייט פון ייִדיש בכלל, און פון דעם ייִדישן ליד בפרט. אין הילכות נאַציאָנאַלער שטאָלץ און מסירת-נפשדיקער ייִדישקייט, זײַנען דאָס אפשר די וויכטיקסטע כּלים הײַנט צו טאָג אַראָפּצואוואַרפן אַסימילאַטאָרישע טענדענצן וואָס שטערן אונדז אין פאַרבלײַבן גוטע ייִדן, און אָרנטלעכע מענטשן. אויף אַזאַ אופן קען מען טאַקע ״ראַטעווען די סיטואַציע״. מע דאַרף נאָר וועלן. מע דאַרף נאָר טאָן.

עס ווערן דאָ, אין דער דאָזיקער אַרבעט, אָנגעגעבן בלויז עטלעכע מוסטערן פון לידער וואָס האָבן באַגײַסטערט פריערדיקע דורות ייִדן, — און וואָס וועלן נאָך באַגײַסטערן און מונטערן נאָך אַ סך דורות פון ייִדן. דער רעפּערטואַר פון ייִדישן ליד איז גאָר גרויס, גאָר רײַך און פאַרשיידנאַרטיק, און אוודאי נאָך אפילו ניט אויסגעשעפּט. פאַראַנען נאָך טויזנטער לידער וואָס דאַרפן ערשט אויפבליִען: פּאָעזיע וואָס צו דעם דאַרף מען נאָך שאַפן מוזיק, צי לידער נאָך ניט אָנגעשריבענע.

אין ייִדישן ליד וועט דער דורשטיק-נאָך-ייִדישקייט דור ייִדן פון יעדן עלטער אַנטפּלעקן טיפקייט, מאָראַלישקייט, מענטשלעכקייט, און אוודאי און אוודאי יראת-שמים. די עטלעכע בײַשפּילן פון ייִדישע לידער וואָס ווערן דאָ געבראַכט, וועלן מירצעשעם העלפן די צוהערער דערגרייכן העכערע גײַסטיקע מדרגות, און דערפירן צו חידושים און נײַע כּוחות אין ייִדישן לעבן. זאָל דאָס דינען ווי אַן ״**ערשטע-הילף**״-געזונטס-אײַנשפּריצונג פאַרן ייִדישן פאָלק וואָס נייטיקט זיך אין דעם גאָר.

/**********************/

## געקומען איז די צײַט – פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען

**(מוזיק: אברהם גאָלדפֿאַדען)**

**גקומען איז די צײַט**
**זי איז שוין ניט ווײַט,**
**יאָ, גאָר ניט ווײַט,**
**דאָס לאַנד באַפֿרײַען**
**יאָ, יאָ, באַפֿרײַען,**
**און דאָס בית-המקדש באַנײַען,**
**יאָ, יאָ, באַנײַען.**
**דאָס לאַנד באַפֿרײַען**
**אויפֿבויען אויף ס'נײַ....**

די דאָזיקע ווערטער האָט דער פֿאָטער פֿון מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער, אברהם גאָלדפֿאַדען, אָנגעשריבן מיט אַן ערך 130 יאָר צוריק פֿאַר זײַן עפּישער פּיעסע ***בר-כּוכבא***. עס רעדט זיך וועגן באַפֿרײַען און באַנײַען די ייִדישע מלוכה, מלכות יהודה, וואָס איז בערך צוויי טויזנט יאָר צוריק געפֿאַלן אונטערן יאָך פֿון דער רוימישער אימפּעריע, און אויך וועגן באַפֿרײַען עם-ישׂראל פֿון אינערלעכער אַסימילאַציע.

ווי פּאַסיק זײַנען די ווערטער הײַנט, ווען עס לעבן ייִדן אין ייִדישן לאַנד, און אַסימילירן זיך און דערווײַטערן זיך פֿון ייִדישקייט, און ייִדישע ווערטן, ייִדישער עטיק. דאָס איז אָבער אויך אַ רוף צו די וואָס פֿירן <u>דאָך</u> עפּעס אַ ייִדיש לעבן און זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן "**כּנענים**" געוואָרן. אויך צו אָט-אָ די יעניקע וואָס מאַכן אָפּט "**שבת פֿאַר זיך**", און קיין אחדות איז ניטאָ אפֿילו צווישן זיי – די אַזוי גערופֿענע "**פֿרומע**" – אויך צו זיי איז דער רוף צו באַנײַען, און האַלטן זיך פֿעסט און שטאָלץ מיט אַלץ וואָס איז ייִדישלעך.

/***********************/

אָט האָבן מיר נאָך אַ ליד – אַן מוזיק – וואָס גיט איבער אַ וויכטיקע מיטטיילונג, וואס מיר דאַרפֿן און מוזן אויסהערן און אויספֿירן. דאָס איז אַ רוף צום פֿאָלק, אויך זיך צו באַנײַען, אויפֿוועקן, דערקוויקן, און נאָך...

## צו מײַן פֿאָלק – פֿון לייב ניידוס

**- 1 -**
**שטיי אויף דער וואַך!**
**האָט דיך די שעה פֿון נסיון געטראָפֿן,**
**נעם און באַפֿריש די פֿאַראָסטעטע וואָפֿן,**
**מאַך ניט די אויגן צו, לייג דיך ניט שלאָפֿן –**
**שטיי אויף דער וואַך!**
**- 2 -**
**זײַ ווי אַ פֿעלדז!**
**דער וואָס פֿאַרשטייט נאָר זײַן אומגליק – דער קאָן עס.**
**ליאַרעמען בייז מעג דער ים פֿון סכּנות,**
**שטיי ווי פֿאַרגליווערט אין שטרענגער עקשנות –**
**זײַ ווי אַ פֿעלדז!**


אָנגעשריבן פֿון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה'תשס"ט.

**- 3-**
**היט דײַן פֿאַרמעגן!**
**זײַ פֿאַר דײַן בנין אַ שומר, אַ טרײַער,**
**שיק זײַנע אוצרות פֿון גיהנומשן פֿײַער,**
**שיק דײַנע פּערל וואָס זײַנען דיר טײַער –**
**היט דײַן פֿאַרמעגן!**
**- 4-**
**בעטל קיין טרייסט!**
**גרויס איז דער ווײי פֿון דײַן גרויסער נשמה,**
**בעט ניט בײַ קיינעם קיין שטראַל פֿון נחמה,**
**מאַך ניט דײַן שטאָלץ און דײַן הייליקייט טמא –**
**בעטל קיין טרייסט!**
**- 5-**
**גלייב אין דײַן קראַפֿט!**
**מעג זײַן דײַן קערפּער צעוואונדעט, צעשטאָכן,**
**גלייב אין דײַן עָתיד מיט פֿעסטן בטחון,**
**גלייב אין דײַן קינפֿטיקן גרויסן נצחון –**
**גלייב אין דײַן קראַפֿט!**

דאָס ליד פּאַסט זיך גוט אַרײַן אין דער הײַנטיקער צײַט. מען קען עס זאָגן וועגן מדינת ישׂראל הײַנט: "**היט דײַן פֿאַרמעגן! זײַ פֿאַר דײַן בנין אַ שומר, אַ טרײַער, שיק זײַנע אוצרות פֿון גיהנומשן פֿײַער...**".

אָדער וועגן די ייִדן, און וועגן ייִדיש נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה – נאָכן חורבן: "**גלייב אין דײַן קראַפֿט! מעג זײַן דײַן קערפּער צעוואונדעט, צעשטאָכן, גלייב אין דײַן עָתיד מיט פֿעסטן בטחון...**".

– און געזאָגט האָט עס לייב נײַדוס, מיט כּמעט הונדערט יאָר צוריק.

ווען מיר קוקן זיך אַרום, לייענען די נײַעס, הערן אויס אונדזערע כּלומערשטע מנהיגים, קען מען גיך פֿעסטשטעלן אַז דאָס פֿאָלק הײַנט אויף דער וועלט, און דער עיקר אין מדינת ישׂראל, האָט פֿאַרלוירן זײַן שטאָלץ, זײַן ברען.

אַ קלוגער רב האָט ניט לאַנג צוריק געדרשנט: אין דער פּסח הגדה שטייט "**פּסח, מצה, מרור**" – <u>על שום מה?</u> – **פּסח** זײַנען מיר דאָך אַרויס פֿון מצרים, **מצות** האָבן מיר געמוזט באַקן אין אײַלעניש, אָבער דער טעם פֿון **מרור** – ביטערקייט, איז גאָר געווען אין מצרים, פֿאַר דער באַפֿרײַאונג. כראָנאָלאָגיש, הייסט עס, וואָלט **מרור** באַדאַרפֿט זײַן די ערשטע זאַך (דער סדר, די אָרדענונג, וואָלט על-פּי-שׂכל באַדאַרפֿט זײַן: "**מרור, פּסח, מצה**") – אָבער די בני-ישׂראל האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צו די שלעכטע אומשטענדן און צו שקלאַפֿנדינסט, אַז <u>**ערשט נאָך**</u> יציאת מצרים – ערשט נאָך דער באַפֿרײַאונג, – האָבן זיי זיך געכאַפּט, און פֿאַרשטאַנען ווי ביטער זייער לעבן איז ביז דעמאָלט געווען.

און אַזוי איז דער מצב אויך, לײדער, הײַנט צו טאָג. מיר פאַרמאַכן אַן אויג דאָ, מאַכן זיך ניט וויסנדיק דאָרט, גיבן נאָך, מאַכן פּשרות... ממש גיבן אויף אונדזערע טעיִשע און ייִדישע ווערטן, מיט און אָן כּלערליי תּירוצים... און געוויינען זיך צו צו זאָגן הײַנט, וואָס מיט אַ צאָל יאָרן צוריק וואָלטן מיר מסתּמא בשום אופן ניט געווען מסכּים אויפצוגעבן, אָדער צו פאַרשווײַגן... און דער מצב גייט אָן און אָן... ביז איין טאָג וועלן מיר זיך אויפכאַפּן, און טאַקע פאַרשטיין ווי ביטער עס איז, און ווי נידעריק מיר זײַנען געפאַלן... אָבער צו וואָס דאַרפן מיר וואַרטן אַזוי לאַנג? **״די שריפט״** – ווי מען זאָגט, **״איז אויף דער וואַנט״** – מע דאַרף עס נאָר לייענען, פאַרשטיין, און טאָן עפּעס דערוועגן...

## <u>״... דער טאָג איז הייס, די מלחמה איז שווער...״</u>

דאָס זײַנען עטלעכע ווערטער פון אַ באַקאַנט ליד אונטערן נאָמען ***רב מאָטעניו*** פון אהרון צייטלין. יאָ, מיר געפינען זיך טאַקע אין אַ מלחמה קעגן דער אַסימילאַציע, קעגן גלײַכגילטיקייט, און ערגערס. דעריבער, איז איצט די צײַט פאַר אחדות, און פאַרן אָפּוואַרפן קליינקעפלדיקע פירעכצן פון גאווה, עגאָאיזם, און קינאה.

ווען עם ישׂראל איז געשטאַנען האַרט פאַרן אַרײַנדרינגען אין ארץ ישׂראל נאָך 40 יאָר פון וואַנדערן אין מדבר, זײַנען געווען עטלעכע שבטים וואָס האָבן געוואָלט פאַרבלײַבן אויף יענער זײַט ירדן, און ניט אַרײַנגיין אין לאַנד. זיי האָבן געהאַט זייערע סיבות דערויף. דערפאַר, אָבער, צו דער מלחמה פון אַרײַננעמען כּנען און עס פאַרוואַנדלען אין דעם לאַנד ישׂראל, האָבן זיי דאָך גובר געווען אויף זייערע פערזענלעכע אינטערעסן, און זיך פאַראייניקט מיט די אַנדערע שבטים אין קאַמף פאַרן לאַנד. שפּעטער, זײַנען זיי זיך צעגאַנגען.

פונקט אַזוי געפינען מיר זיך הײַנט אין אַ גורלדיקער שעה: מיר דאַרפן כאַפּן דעם היסטאָרישן מאָמענט, און ווי עס האָט געטאָן אַמאָל פּנחס הכּהן (פּרשת בלק/פּרשת פּינחס: במדבר כ״ה: ז׳-י״ג), – ניט לאָזן עס אַדורכגיין, און טאָן וואָס מע דאַרף.

סײַ פון דער תּורה, און סײַ פון ייִדישן ליד קענען מיר שעפּן כּוח, און וויסן און פאַרשטיין, אַז ניט געקוקט אויף ווי שווער עס זאָל ניט זײַן, דאַרף מען <u>טאָן</u>, און ניט בלויז האַלטן שיינע רעדעס צי דרשות...

## <u>רב מאָטעניו – פון אהרון צייטלין</u>

**(מוזיק פון שמואל בוגאַטש)**

**- 1 -**

**זאָגט דער רבי, ר׳ מאָטעניו**
**אַ גוט מאָרגן דיר, גאָטעניו**
**נעם אַראָפּ פון אונדז דײַן כּעס,** }
**וועלן מיר טאָן כְּדִין וּכְדַת.** } 2X

**- 2 -**

**<u>רעפריין:</u>**
**אוי, צדיקים. צדיקים גייען באָם.**
**אוי, רשעים. רשעים פאַלן באָם.**
**באָם, באָם, בירי-בירי-באָם** }
**בים-באָם, בים-באָם, בירי-בירי-באָם.** } 2X

**- 3 -**

**זאָגט דער רבי, ר׳ מאָטעניו**
**אַ גוט-העלף דיר, גאָטעניו**
**דער טאָג איז הייס, די מלחמה איז שווער,** }
**נאָר מען לאָזט ניט אַרויס דאָס געווער.** } 2X

**רעפריין: אוי, צדיקים. צדיקים גייען באָם.**

**- 4 -**

**זאָגט דער רבי, ר׳ מאָטעניו**
**אַ גוטן אָוונט דיר, גאָטעניו**
**דער טאָג איז אַוועק, איך האָב אַלץ געמאַכט,** }
**גיב זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט.** } 2X

**רעפריין: אוי, צדיקים. צדיקים גייען באָם.**

## האָט מען ניט קיין גאָט, זוכט מען געצן, און די גיבן קיין תּורה ניט

ווי שטאַרק האָט אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער ייִדישער ליטעראַט און שריפטשטעלער יצחק לייבוש פּרץ ליב געהאַט די כּלים פון ייִדישקייט: דעם סידורל, דעם תּנ״כל – און דאָס גלייבן אין גאָט. אַ סך מענטשן ווייסן דאָס ניט. זיי ווייסן ניט ווי טײַער ייִדישקייט, און דאָס ייִדיש פאָלק איז אים געווען. מיינען, מיינט מען, אַז ער איז געווען ווײַט פון ייִדישקייט – אפילו אַ קעגנער פון ייִדישקייט. דאָס איז ניט אַזוי. אויב, טאָמער, ער האָט קריטיקירט, האָט ער חס וחלילה ניט קריטיקירט ייִדישקייט, אָדער ייִדישער טראַדיציע, אָדער אפילו דעם ייִדישן לעבנסשטייגער – קריטיקירט האָט ער די מנהיגים – די פירערס. ליב האָט ער געהאַט זײַן פאָלק, און ליב האָט ער געהאַט גאָט און זײַן תּורה.

אָט למשל, האָט ער זיך אויסגעדריקט אַזוי (און דאָס איז בלויז איינע פון אַ סך אַזעלכע זײַנע קלוגע רייד):
״<u>האָט מען ניט קיין גאָט, זוכט מען געצן, – און **די** גיבן קיין תּורה ניט</u>״.

ווי טיף – ווי ברייט ייִדישלעך איז דער דאָזיקער געדאַנק.

אָט איז אַ ליד וואו ער רופט הויך אַרויס און פאָדערט צדק און יושר אויף דער וועלט. גלײַכצײַטיק וואָרנט ער אַז די וועלט איז ניט הפקר: ס׳איז דאָך פאַראַן ווער סע פאַסט אויף... ווערטער, אַזש, ווי פון אַ נביא פון אַמאָליקע צײַטן.

## מײַן נישט – פון יצחק לייבוש פּרץ

**(מוזיק פון מאיר באָגדאַנסקי)**

**- 1 -**

**מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע – באַשאַפן**
**צו מאַכן אַ וועג מיט פויסטן און נעגל**
**צום שענקפאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע**
**קוקן פון ווײַטן מיט גלעזערנע אויגן**
**פאַרחלשט, און שלינגען דעם שפּײַעכץ און ציען**
**צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קראַמפּן! –**
**אָ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!**

**- 2-**
**מײַן נישט, די וועלט איז אַ בערזע – באַשאַפֿן**
**דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,**
**זאָל קויפֿן בײַ אָרעמע מיידלעך די בושה,**
**בײַ פּרויען די מילך פֿון די בריסטן, בײַ מענער**
**די מאַרך פֿון די ביינער, בײַ קינדער דעם שמייכל,**
**דעם זעלטענעם גאַסט אויף וואַקסענעם פּנים –**
**אָ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ בערזע!**
**- 3-**
**מײַן נישט, די וועלט איז אַ הפקר – באַשאַפֿן**
**פֿאַר וועלף און פֿאַר פֿוקסן, פֿאַר רויב און פֿאַר שווינדל;**
**דער הימל – אַ פֿאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זען!**
**דער נעפּל – מע זאָל אויף די הענט דיר ניט קוקן!**
**דער ווינט – צו פֿאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;**
**די ערד – אײַנצוזאַפּן דאָס בלוט פֿון קרבנות –**
**אָ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ הפקר!**
**- 4-**
**די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!**
**געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!**
**קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פֿאַרגייען,**
**אומזיסט ווערט קיין פֿונק אין קיין אויג נישט פֿאַרלאָשן!**
**פֿון טרערן ווערט טײַכן, פֿון טײַכן ווערט ימים,**
**פֿון ימים – אַ מבול, פֿון פֿונקען – אַ דונער –**
**אָ, מײַן נישט, לית דין ולית דיין!**

אין זײַנע שריפֿטן, עסייען, און מעשׂיות און אין זײַנע געדאַנקען, רעדעס, און פּראָקלאַמאַציעס, און אוודאי אויך אין זײַנע מעשׂים, דערשפּירט מען אַז ער האט אָנגעהאַלטן זײַן ייִדישקייט. דאָס האָט אויפֿגעוועקט בײַ צענדליקער טויזנטער, און זיכער בײַ הונדערטער טויזנטער ייִדן **שטאָלץ** אין פֿירן זיך לויט דער טראַדיציע. דאָס האָט אויך געווירקט אויף אַנדערע צו שטאַרקן זיך אין זייער אייגענעם לעבן, בנוגע ייִדישקייט.

זלמן יעפֿרויקין שרײַבט וועגן דעם אין דער אַרײַנפֿיר-ביאָגראַפֿיע פֿון דעם בוך *פֿון פּרצעס אוצר*, וואָס איז דערשינען אין 1952, צו זײַן 100סטן געבוירנטאָג:

**"זײַנען טאַקע "*חסידיש*" און "*פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן*" געוואָרן אַ קוואַל פֿון גלויבן, מוט און באַגײַסטערונג פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן אין פּרצעס צײַטן. זיי זײַנען עס אויך פֿאַר אונדז הײַנט, און וועלן עס זײַן פֿאַר די ווײַטערדיקע ייִדישע דורות אַזוי ווי אַלע גרויסע גײַסטיקע אוצרות וואָס ייִדן האָבן געשאַפֿן. און פּונקט ווי "*באָנטשע שווײַג*" און די רעאַליסטישע דערציילונגען פֿון פּרצן האָבן געהאָלפֿן דעם ייִדישן אַרבעטער, די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן, זיך אויפֿצוהייבן פֿון זייער געפֿאַלנקייט צו דערוועקן אין זיי זייער מענטשלעכע חשיבות, פּונקט אַזוי — און אפֿשר נאָך מער — האָבן "*חסידיש*" און "*פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן*" דערהויבן דעם גײַסט, דעם ייִדישן מוט."**.

אין דעם לעצטן פֿעריאָד פֿון פּרצעס לעבן, שרײַבט יעפּרויקין,
**"... האָבן אים אַלץ מער באַאומרואיקט די פּראָבלעמען פֿון ייִדישקייט: וואָס דאַרף זײַן דער אינהאַלט פֿון אַ ייִדישער וועלט-אַנשויאונג, און דאָס אָרט וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף פֿאַרנעמען אויף דער וועלט... וואָס עס איז זײַן היסטאָרישער גורל."**.

— וואָס טאַקע?

## אהבת עולם און אהבת חינם

פֿאַראַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל און אינעם ייִדישן ליד בפֿרט אַזויפֿיל פֿון וואָס זיך צו לערנען. עס פֿאַרמאָגט מוסר, און לערנט אונדז ווי צו זײַן סײַ גוטע ייִדן און סײַ גוטע מענטשן. עס לערנט אונדז ווי זיך צו פֿירן "**בין אדם לחברו**" (צווישן מענטש און מענטש), פּונקט ווי "**בין אדם למקום**" (צווישן מענטש און גאָט).

מיר קענען, למשל, דאָס זען אין אַזאַ ליד ווי *טײַערע מלכּה* פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקי, וואו ער זאָגט:
**"איך טרינק פֿאַר מײַנע שׂונאים, נאָר זאָג זיי ניט אויס!**
**קוק, טרערן, זיי גיסן, פֿון בעכער אַרויס!... "**

וואו איז געהערט געוואָרן – בײַ וועלכן פֿאָלק, – אַז מע זאָל טרינקען פֿאַר די שׂונאים...? פֿאַרוואָס זײַנען ייִדן תּמיד געווען אין די פֿאָדער-שורות פֿאַר מענטשן רעכט, גלײַכקייט, און יושר? דאָס האָבן מיר צו באַדאַנקען אונדזער תּורה. אין ייִדיש האָט זיך די דאָזיקע לערע אָפּגעשפּיגלט אין ייִדישן פֿאָלקלאָר, ליטעראַטור, און ליד.

אָט נעמט, למשל, אַזאַ שיינעם ליד – וואו די העלדן גייען, פֿאָרן, און אפֿילו לויפֿן מיט גרויס מסירת נפֿש, און גלײַכצײַטיק אהבת עולם, אויסצופֿירן דעם ביסל תּיקון-עולם וואָס זיי קענען.

### דעם בעל-שם טובס זמרל – פֿון משה באסין

(מוזיק: יוסף רומשינסקי)

**-1-**
**איך וועל אַ זמרל דיר זינגען גאָטעניו.**
**איך וועל דיר זינגען פֿון דײַן שוסטערל.**
**גייט אַ שוסטערל אין וועג באַגינען,**
**– שוסטערל, מײַן שוסטערל, וואו גייסטו?**
**– איך גיי, איך גיי,**
**פֿאַר ווײַב און קינד אויף ברויט פֿאַרדינען.**
**– שוסטערל, מײַן שוסטערל, וואָס נייסטו?**
**– איך ניי, איך ניי,**
**פֿאַר מענטשן אָרעמע, טשאָבאָטעס.**
**גאָטס קינדער גייען, נעבעך, באָרוועס,**
**און די וועלט איז פֿול מיט בלאָטעס.**


אָנגעשריבן פֿון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה׳תשס״ט.

-2-
איך וועל אַ זמרל דיר זינגען גאָטעניו.
איך וועל דיר זינגען פון דײַן סוחרל.
פּאָרט אַ סוחרל אין וועג באַגינען,
– סוחרל, מײַן סוחרל, וואו פּאָרסטו?
– איך פּאָר, איך פּאָר,
גאָטס בידנע מענטשן צו באַדינען.
– סוחרל, מײַן סוחרל, וואָס פירסטו?
– איך פיר, איך פיר,
דעם שור הבר מיט דעם לוויתן.
גאָטס קינדער לײַדן, נעבעך, הונגער,
וועט אויף דער וועלט זײַן שׂמחה ושׂשׂון.
-3-
איך וועל אַ זמרל דיר זינגען גאָטעניו.
איך וועל דיר זינגען פון דײַן מלמדל.
יאָגט אַ מלמדל אין וועג באַגינען,
– מלמדל, מײַן מלמדל, וואו יאָגסטו?
– איך יאָג, איך יאָג,
דאָס האַרץ פון מענטשן צו געווינען.
– מלמדל, מײַן מלמדל, וואָס טראָגסטו?
– איך טראָג, איך טראָג,
גאָטס תּורה טראָג איך שטאָלץ און מונטער.
עס זאָל די וועלט, די וועלט, חלילה,
פון דרך-הישר ניט אַרונטער.
-4-
איך וועל אַ זמרל דיר זינגען גאָטעניו.
איך וועל דיר זינגען פון דײַן קלעזמערל.
שפּאַנט אַ קלעזמערל פאַרבענקט באַגינען,
– קלעזמערל, מײַן קלעזמערל, וואו שפּאַנסטו?
– איך שפּאַן, איך שפּאַן,
דאָס לידעלע פון שלום צו געפינען.
– קלעזמערל, מײַן קלעזמערל, וואָס ברענגסטו?
– איך ברענג, איך ברענג
דאָס פידעלע פון דוד המלך,
אַ לידעלע דער וועלט צו שפּילן,
אַז אויפן האַרצן זאָל ווערן פריילעך.
-5-
איך וועל אַ זמרל דיר זינגען גאָטעניו.
איך וועל דיר זינגען פון דײַנע ייִדעלעך.
לויפן ייִדעלעך מיט פרייד, באַגינען,
– ייִדעלעך, גאָטס ייִדעלעך, וואו לויפט איר?
– וואָס הייסט, וואָס הייסט?
דאָס לאַנד פון יום-טוב צו געפינען.


אָנגעשריבן פון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה׳תשס״ט.

**– ייִדעלעך, גאָטס ייִדעלעך, וואָס קויפֿט איר?**
**– וואָס הייסט, וואָס הייסט?**
**דאָס קויפֿן מיר דאָך שלח-מָנות.**
**גאָטס מענטשן גרייטן זיך אויף יום-טוב,**
**צעטראָגן מיר דער וועלט מתּנות.**

אויב דאָס ייִדיש פֿאָלק האָט אויף אַן אמת אַ מענטשלעכע און היסטאָרישע ראָלע צו שפּילן אין לעבן – צו ברענגען דער וועלט די גאָט-געגעבענע "**מתּנות**" פֿון עטיק און מענטשלעכקייט, געוויסן, און ברייטהאַרציקייט – קען דאָס דערגרייכט ווערן בלויז ווען דאָס פֿאָלק איז פּאַראייניקט. ווי אַבסורד און איבערגעטריבן דאָס זאָל ניט קלינגען, קען טאַקע אין דעם געביט, דורך דעם ייִדישן ליד, אַ סך דערגרייכט ווערן.

לידער בכלל האָבן אַ כּוח: צי מע זינגט באַגײַסטערנדיקע "נאַציאָנאַלע הימענס", צי מע זינגט בציבור, אָדער בעתן דאַווענען. עס איז באוואוסט, אַז זינגען ברענגט צונויף מענטשן און גיט זיי מוט, און דרינגט זיי אַרײַן אין דער נשמה. מוזיק, און זינגען בכלל איז אַ גוטע "טעראַפּיע" און היילונגס-מיטל פֿאַרן דערשלאָגענעם געמיט.

/***********************/

איינע פֿון די פּאָפּולערסטע לידער אויף ייִדיש בײַם זינגען בציבור איז ***אַלע ברידער*** פֿון מאָריס ווינטשעווסקי – און אַליין רעדט זיך דאָרט וועגן ברידערלעכקייט און "**האַלטן זיך אין איינעם**". ווען עס קומען זיך למשל, צונויף ייִדיש ריידנדיקע חברה וואָס קענען און ווילן זינגען ייִדישע לידער, – וועט איר אָפֿט הערן דעם פֿריילעכן ליד.

## אַלע ברידער ("די קאָלעקאָטקע") – פֿון מאָריס ווינטשעווסקי

**(מוזיק: אומבאַקאַנט)**

**- 1 -**
**און מיר זײַנען אַלע ברידער,**
**אוי, אוי, אַלע ברידער!**
**און מיר זינגען פֿריילעכע לידער,**
**אוי, אוי, אוי.**
**און מיר האַלטן זיך אין איינעם**
**אוי, אוי, זיך אין איינעם.**
**אַזעלכעס איז ניטאָ בײַ קיינעם,**
**אוי, אוי, אוי.**
**- 2 -**
**<u>רעפֿריין:</u>**
**טײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ,** }
**טײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ,** }
**טײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ** } **2X**
**- 3 -**
**און מיר ליבן זיך דאָך אַלע,**
**אוי, אוי, זיך דאָך אַלע,**
**ווי אַ חתן מיט אַ כּלה,**
**אוי, אוי, אוי.**

**און מיר זײַנען פריילעך, מונטער,**
**אוי, אוי, פריילעך, מונטער,**
**זינגען לידער, טאַנצן אונטער,**
**אוי, אוי, אוי.**
**<u>רעפריין:</u> טײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, ...**
**- 4-**
**און מיר זײַנען אַלע אייניק,**
**אוי, אוי, אַלע אייניק,**
**צי מיר האָבן פיל צי ווייניק,**
**אוי, אוי, אוי.**
**און מיר זײַנען אַלע ברידער,**
**אוי, אוי, אַלע ברידער!**
**און מיר זינגען פריילעכע לידער,**
**אוי, אוי, אוי.**
**<u>רעפריין:</u> טײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, רײַ, ...**

ווי געזאָגט, איז דאָס זייער אַ פּאָפּולער ליד, וואָס ווערט אָפט געזונגען בציבור. — ווײַל מען אײַנפירן אַ גוטע, חברשע שטימונג צווישן מענטשן, זינגט מען דעם ליד. דער העברעישער עקוויוואַלענט, איז מסתּמא "**הנה מה טוב ומה נעים – שבת אחים גם יחד...**". דאָס איז אַ ליד פון ברידערלעכקייט, פון ברידער-ליבע: פון אחדות.

אויף משפּחה שׂמחות און אויך אויף יום-טובים קען מען טאַקע זינגען די ביידע לידער איינס נאָך דעם אַנדערן, אָנצייכענענדיק ווי גוט עס איז צו זיין ברידערלעך, און ליב האָבן איינעם דעם אַנדערן. דאָס ליד פּאַסט זיך אויך גוט צו, צו חתונה שׂמחות, למשל, ווען עס פּאַרײיניקן זיך צוויי משפּחות, און אוודאי ווײַל עס ווערט דאָרט טאַקע דערמאָנט:

**"און מיר ליבן זיך דאָך אַלע,**
**... ווי אַ חתן מיט אַ כּלה ...".**

דער הינטערגרונט פונעם ליד איז אָבער ווייניק באַקאַנט. אין די מלאָטעקס פּרעכטיקער אויסגאַבע ***פּערל פון דער ייִדישער פּאָעזיע***, ווערט אָנגעגעבן, אַז מאָריס ווינטשעווסקי, איינע פון די יונגע אַמעריקאַנער ייִדישע סאָציאַליסטן פּאָעטן האָט לחתחילה אָנגעשריבן (פּאַרעפנטלעכט אין 1890) אַ ליד וואָס האָט געהייסן: ***"אחדות"***, וואָס פון דעם איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דעם פּאָפּולערן ***אַלע ברידער***.

עס איז כּדאי אַרײַנצוקוקן אין עטלעכע סטראָפעס פון דעם אָריגינאַלן ליד:

## אחדות – פון מאָריס ווינטשעווסקי

-1-
יאָ, מיר זײַנען אַלע איייניק!
צי מיר האָבן פיל צי ווייניק,
און מיר זײַנען אַלע ברידער,
און מיר דאַוונען פון איין
סידור,
סײַ מיר שנײַדן פּאַנטאַלאָנעס,
סײַ מיר שנײַדן אָפּ קופּאָנעס,
אייניק זײַנען אַלע מיר,
גלײַך דער אביון מיטן גביר !

-2-
קורצע פּאות, לאַנגע פּאות
ייִדן מיט און אָן מטבעות,
דאַרע און געפּילטע קישקעס
הוילע הערצער און
מאַנישקעס,
פרומע קעפּ און קעפּ פון
זינדערס
קעפּ אין יאַרמלקעס,
צילינדערס
אַלע זײַנען מיר איין פאָלק,
ווי סאָלדאַטן אין איין פּאָלק.

-3-
פרום און לינק, פּאַראייניקט אַלע
ווי דער חתן מיט דער כּלה,
ווי דער בעזעם מיטן שטעקן,
ווי די ציצית מיט די עקן,
ווי די טיר מיט דער מזוזה,
ווי דער טאַליע מיט דער בלוזע,
ווי דער חומש מיט דער רש״י,
ווי דער קוגל מיט דער קאַשע,
ווי דער תּכשיט מיטן גלאַנץ,
ווי דער כּלי-זמר מיטן טאַנץ !

/************************/

מסתּמא די סאַמע פּאָפּולערסטע און שענסטע ליד אויף ייִדיש איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ***אויפן פּריפּעטשיק*** (דער אָריגינאַלער נאָמען איז געווען ***דער אלף-בית***).

אין זײַן פּשטות, קלינגט עס ווי אַ נאָסטאַלגיש ליד פון די קינדער יאָרן (וועגן לערנען אין חדר), אָדער אפילו ווי אַ וויגליד. לייענט מען אָבער גוט אַרײַן אינעם טעקסט, אַנטפּלעקט מען גאָר טיפע געדאַנקען וועגן ייִדישן פאָלק און וועגן ייִדישן אויסדויער. וועגן דעם ליד אַליין זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך עסייען און פּאָרש-אַרבעטן, און מע קען דאָס אַרומריידן און אַנאַליזירן גאַנצע שעהן.

## אויפן פּריפּעטשיק (״דער אלף-בית״) – פון מ. מ. וואַרשאַווסקי

**(מוזיק: מ. מ. וואַרשאַווסקי)**

**- 1 -**
**אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל,**
**און אין שטוב איז הייס,**
**און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך**
**דעם אלף-בית.** } (2X)

**- 2 -**
**<u>רעפריין:</u>**
**זעט זשע קינדערלעך, געדענקט זשע, טײַערע,**
**וואָס איר לערנט דאָ;**
**זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל:**
**קָמָץ אַלֶף – אָ.** } (2X)

**- 3 -**
**לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק –**
**אַזוי זאָג איך אײַך אָן:**
**ווער ס'וועט גיכער פון אײַך קענען עִברי,**
**דער באַקומט אַ פאָן.** } (2X)

<u>רעפריין:</u> זעט זשע קינדערלעך,...

**- 4-**

**לערנט, קינדער, האָט ניט מורא –**
**יעדער אָנהייב איז שווער:**
**גליקלעך איז דער, וואָס האָט געלערנט תּורה. }**
**צי דאַרף דער מענטש נאָך מער? } (2X)**
רעפריין: זעט זשע קינדערלעך....

**- 5-**

**איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,**
**וועט איר אַליין פאַרשטיין,**
**וויפל אין די אותיות ליגן טרערן, }**
**און ווי פיל געוויין... } (2X)**
רעפריין: זעט זשע קינדערלעך....

**- 6-**

**אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן,**
**אויסגעמוטשעטע זײַן,**
**זאָלט איר פון די אותיות כּוח שעפּן, }**
**קוקט אין זיי אַרײַן... } (2X)**
רעפריין: זעט זשע קינדערלעך....

**- 7-**

**אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל, ...**

ווייל מען טאַקע אַנאַליזירן די פערזן, קען מען קודם-כּל מאַכן אַזאַ מין אַלגעמיינער סך-הכּל: דאָס ליד איז אַ דערציערישע. סײַ דער אינהאַלט דערציילט וועגן דערציען קינדער, סײַ מע לערנט וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון ייִדיש, פון דעם ייִדישן פאָלק, און פון דעם ייִדישן אויסדויער.

און ווײַטער קען מען על רגל-אחת אַנאַליזירן אַ ביסל דעם אינהאַלט פון די פערזן:

1. אין ערשטן פערז, ווערן דערמאָנט קינדער. אָבער ניט גלאַט קינדער, נאָר די סאַמע ייִנגסטע: **דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך דעם אלף-בית**

2. דער רעפריין, וואָס דינט איבערצוחזרן און אײַנלערנען (ווי מע טוט אין אַ לערן-סביבה) אַנטהאַלט אַליין רעפּעטיציע: **געדענקט זשע, טײַערע, ... זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל: קָמֶץ אַלֶף – אָ!**

3. אין דריטן פערז זײַנען מיר געוואויער, אַז מע דאַרף לערנען עבֿרי מיט חשק ... וויפל לידער אויף העברעאיש זײַנען פאַראַן וואָס הייסן קינדער <u>לערנען ייִדיש</u>? און נאָך מיט *גרויס חשק*?: **לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק ...**

4. אין פערטן פערז שטרײַכט וואַרשאַווסקי אונטער די דור-דורותדיקע לערע, אַז תּורה-לערנען איז גוט: **גליקלעך איז דער, וואָס האָט געלערנט תּורה. צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?**


אָנגעשריבן פון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה׳תשס״ט.

5. אָנהייבנדיק פון פינפטן פערז, און ווײַטער אין זעקסטן פערז, רעדט דער מלמד, דער רבי, שוין ניט צו די קינדערלעך, נאָר צו זיך אַליין, – און צו דעם צוהערער. ער רעדט איבער זייערע קעפּ, אַזוי צו זאָגן: וועגן "פּאָנען" פאַרשטייען דאָך קינדער, אָבער וועגן "**וויפל אין די אותיות ליגן טרערן**", צי גאָר: "**אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן**"... וואָס קענען זיי פאַרשטיין וועגן אַזעלכע זאַכן? – ערשט וועלן זיי פאַרשטיין ווען זיי וועלן עלטער ווערן: אַז דאָס לעבן איז שווער פאַר אַ ייִדן. דערפאַר, אָבער, גיט ער זיי אויך דערמוטיקונג, און זאָגט, אַז אויב זיי וועלן נאָר אַרײַנקוקן אין די אותיות, וועלן זיי האָבן פון וואַנען צו שעפּן כּוח, ווען זיי וועלן דאָס דאַרפן. אין זעקסטן פערז שטייט קלאָר: **זאָלט איר פון די אותיות כּוח שעפּן...**

/************************/

איינע פון די שענסטע, אָבער גלײַכצײַטיק פון די ווייניק באַקאַנטע לידער פון ייִדישן נאַציאָנאַלן אויסדויער, איז יהואשס ליד וועגן אַ בלום – וואָס ער פאַרגלײַכט זי צום ייִדישן פאָלק. דאָס ליד רעדט וועגן אַ בלום וואָס לעבט דורך אַלע שטורעמס און זאַווערוכעס. אין לעצטן פערז גיט ער אָן דעם סוד פון דער בלומס אויסדויער, מוט, און קראַפט: "**די בלום הייסט __ליבע צו דעם פאָלק__**".

דאָס איז אייגנטלעך דער סוד פון וואַנען ייִדן אין גלות האָבן געשעפּט זייערע אומדערמידלעכע כּוחות: **ליבע צום פאָלק**. – דאָס פאָלק וואָס האָט מיט אַזוי פיל מסירת נפש ליב זײַן תּורה און זײַן גאָט.

## __נאַציאָנאַל-געפּיל – פון יהואש__

**(מוזיק: אומבאַקאַנט)**

**- 1 -**

**איך ווייס אַ בלום וואָס שפּראָצט און בליט,**
**און וואַקסט אָן טוי און רעגן.**
**זי דאַרף קיין פרישע ווינטן ניט,**
**קיין זון וואָס שײַנט אַנטקעגן...**

**- 2 -**

**זי וואַקסט אין שטורעם און אין שניי,**
**ווען אַלע בלומען שטאַרבן,**
**דער שטורעם גיט איר זאַפט און קראַפט,**
**גערוך און זיסע פאַרבן...**

**- 3 -**

**און ווען עס האָגלט, דונערט, בליצט,**
**און שטאַרקע ביימער פאַלן,**
**דאַן הייבט זי ערשט צו לעבן אָן,**
**דאַן הייבט זי אָן צו שטראַלן...**

**- 4 -**

**די בלום הייסט ליבע צו דעם פאָלק,**
**די שפּראָצט אַרויס אין שטורעם,**
**זי ציט חיונה פונעם שמאַרץ**
**און נערט זיך פון יסורים....**

## <u>תּורה – די הויפּט באַזע פֿאַר דער ליטעראַטור אין ייִדיש</u>

אין זײַן בוך ***אויפֿקום און אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ביזן מיטן פֿון 19טן יאָרהונדערט***, שרײַבט דער מחבר, משה קליין:

״די הויפּט באַזע פֿאַר דער ליטעראַטור אין ייִדיש
איז פֿון אָנהייב געווען דער תּנ״ך, די תּלמודישע אגדות,
און די מדרש-דערציילונגען...״ (זײַט 47-48).

ווײַטער, שרײַבט ער:

״אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זינט איר אויפֿקום,
האָבן געהערשט צוויי ריכטונגען.
איינע האָט געשעפּט פֿון טראַדיציאָנעלע קוואַלן
און די צווייטע האָט געשטראָמט פֿון די שכנישע ניט-ייִדישע ליטעראַטורן
– פֿון דער דײַטשער און שפּעטער פֿון דער איטאַליענישער.
צײַטנווײַז איז דער שווערפּונקט געלעגן אין וועלטלעכע טעמעס
און צײַטנווײַז אין דער רעליגיעזער ספֿערע״ (זײַט 49).

ייִדיש איז, הייסט עס, געווען אַ מין בריק צווישן צוויי וועלטן: דער ייִדישער און דער ניט-ייִדישער.

וואָס אָבער יע, האָט ייִדיש אויך באַשירעמט דעם ייִדן פֿון די שטרויכלונגען פֿון דער ניט-ייִדישער וועלט, און ״פֿאַרייִדישט״ און ״פֿאַרהערצלעכט״ און ווייכער געמאַכט דעם ניט-ייִדישן אַרום. ייִדיש האָט, אויף אַזאַ אופֿן, באַשיצט דעם ייִדן. דורך ייִדיש זײַנען אַרײַנגעקומען דרויסנדיקע געדאַנקען און אידעען, אָבער מיט אַ ייִדישן קנייטש, מיט אַ ייִדישן טעם און געשמאַק.

אפֿילו בײַ די ייִדישע סאָציאַליסטן זײַנען געווען גרויסע שרײַבערס וואָס האָבן געשפּײַזט זייער עולם און צוהערערס מיט ייִדיש וויסן, מיטן ייִדישן האַרץ. אָט למשל, איינער פֿון י.ל. פּרצעס יורשים – אברהם רייזען. אין זײַנע לידער און מעשׂיות (למשל: ***״גמרא ניגון״***, ***״אַ, גיכער, משיח״***, ***״זאָג מאַראַן״***, אָדער די קורצע סוכּות מעשׂה ***״פֿאַרשפּעטיקט״***) דערשפּירט מען ייִדישקייט, דעם ייִדישן געוויסן, ייִדישער גבֿורה, און דער ייִדישער מענטשלעכקייט.

אברהם וואלט-ליעסין – שרײַבן די מלאָטעקס אין זייער בוך ***פּערל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע*** (זײַט 160) ״**... האָט אָנגעצונדן די צוהערערס ... מיט זײַנע רעדעס, וואָס האָבן געוואָרצלט אין דער ייִדישער געשיכטע, אין דער מאָראַל פֿון די נביאים און אין די מאַרטירער-מעשׂים פֿון דורות ייִדן וואָס זײַנען געגאַנגען אויף קידוש-השם פֿאַר זייער גלויבן**״. – זײַנען דען ניט די תּנכישע נביאים געווען קעמפֿער פֿאַר סאָציאַל-גערעכטיקייט און יושר?

/************************/

## <u>״... תֵּלֵכוּ ...״ (איר זאָלט גיין)</u>

אויב מיר זאָלן דאַרפֿן אויסקלײַבן <u>איין</u> תּורה פּרשה ווי אַ פּאַסיקע מוסטער פֿאַר אונדזער נע-ונד פֿאָלק ייִדן, מיט אונדזער נע-ונד לשון ייִדיש, און זײַן שטים –

דאָס ייִדיש לידל, – איז עס די וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "**אִם בְּחוּקֹתַי תֵּלֵכוּ**" ("**אויב איר זאָלט גיין מיט מײַנע געזעצן**" – ספר ויקרא כ"ו: ג').

אינעם וואָרט "**תֵּלֵכוּ**" ("**איר זאָלט גיין**") שפּירט מען אַ **דינאַמישע** אַקטיוויטעט. אין פֿאַרגלײַך, זײַנען ווערטער ווי "**לשמור**", "**להחזיק**", וכדומה (צו היטן, צו האַלטן, אאַז"וו), מער אָדער ווייניקער **פּאַסיווע** אַקטיוויטעטן. מע קען, למשל, **אָפּהיטן** עפּעס אין באַנק, אָדער **האַלטן** עפּעס פֿאַרמאַכט אין אַ שופֿלאָד.

ענלעך צו דעם, איז דער באַנוץ פֿון דעם וואָרט "**דרך**": אַ וועג, אַן אופֿן צו טאָן זאַכן. למשל: **דרך-ארץ**, אָדער: **דרך-הישר**. און כאָטש **דרך** איז אַ זאַך און ניט קיין אַקטיוויטעט, "**גייט**" אַ ייִד אויף דעם דור-דורותדיקן ייִדישן וועג ("**דרך**"). אין אַ שפּעטערדיקער פּרשה, שטייט דאָס בפּירוש געשריבן: "**וְשָׁמַרְתָּ אֶת מִצְוֹת יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וּלְיִרְאָה אֹתוֹ**" – "**און זאָלסט היטן די געבאָט פֿון יהוה דײַן גאָט, צו גיין אין זײַנע וועגן, און מורא האָבן פֿאַר אים**" (פּרשת עקב, דברים ח': ו' – ייִדיש: פֿון יהואש).

לאָמיר פֿאַרגלײַכן אָט דעם געדאַנק מיט דעם שיינעם חסידישן ליד וועגן דעם שטעטל וואו עס האָט געוואוינט דער קאָצקער רבי. דאָרט שטייט:
"**קיין קאָצק פֿאָרט מען נישט, קיין קאָצק איז מען עולה-רגל...**". ווײַטער ווערן אָנגעגעבן די פֿאַרשיידענע טײַטשן פֿון "**רגל**": "**הרגל**" – אַ געוואוינהייט, "**רגל**" – א וויכטיקע דאַטע (אַ "**מועד**", אָדער "**יום-טוב**").

## קאָצק – אומבאַקאַנט

| | |
|---|---|
| **- 1 -**<br>**קיין קאָצק פֿאָרט מען נישט,**<br>**קיין קאָצק גייט מען.**<br>**ווײַל קאָצק איז דאָך במקום המקדש.**<br>**קיין קאָצק דאַרף מען עולה-רגל זײַן.**<br>**- 2 -**<br>**"רגל" איז דאָך דער טײַטש – אַ פֿוס**<br>**קיין קאָצק דאַרף מען גיין צופֿוס,**<br>**זינגענדיק און טאַנצנדיק.**<br>**און אַז חסידים גייען קיין קאָצק,**<br>**גייט מען מיט געזאַנג.** | **- 3 -**<br>**"רגל" איז דאָך דער טײַטש – אַ געוווינשאַפֿט**<br>**מע דאַרף זיך געוווינען צו גיין קיין קאָצק,**<br>**זינגענדיק און טאַנצנדיק.**<br>**און אַז חסידים גייען קיין קאָצק,**<br>**גייט מען מיט אַ טאַנץ.**<br>**- 4 -**<br>**"רגל" איז דאָך דער טײַטש – אַ יום-טוב**<br>**גוט יום-טוב, גוט יום-טוב, גוט יום-טוב,**<br>**און אַז חסידים גייען קיין קאָצק,**<br>**איז אַ גרויסער יום-טוב.** |

/***********************/

אַז מיר ריידן שוין וועגן "**רגל**" און "**עולה-רגל זײַן**", מוזן מיר דערמאָנען, אונדזער אייביקע שטאָט ירושלים, ווײַל: "**כּי מציון תצא תורה...**".

אָט איז אַ ליד וואָס מע פֿלעג זינגען אין ווילנע – ירושלים ד'ליטא, – נאָך אין די אָנהייב 1930ער. דאָס איז אַ ליד וואָס פּאַסט זיך צו זינגען עס בײַ כּמעט יעדער געלעגנהייט. עס איז אפילו ניט שווער צו לערנען, ווײַל די שורות און דער ניגון חזרן זיך כּסדר איבער, און דער פּשוטער רעפֿריין העלפֿט צו אַ סך.

אינעם ליד ווערט דערמאָנט וועגן עולה-רגל זײַן קיין ירושלים דרײַ מאָל אַ יאָר. עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן זיך פירן ווי עס דאַרף צו זײַן, אויב מיר וועלן טאַקע **גיין** אויף דעם ייִדישן וועג, וועט גאָט – דער בורא עולם, – זײַן צופרידן, און ער וועט אונדז לאָזן בויען דעם בית המקדש, און שטעלן דעם מזבח.

## זינגט זשע אלע יידעלעך – אומבאקאנט

**(דאָס ליד האָט מען געזונגען אין ווילנע, אין די 1930ער יאָרן)**

**- 1 -**

**אויף די הויכע בערג, כּרמל, הר הזיתים, (2X)**
**שפּאַצירן קינדער קליינע, ישׂראל עם-קדושים. (2X)**

**- 2 -**

**<u>רעפריין:</u>**
**זינגט זשע אַלע ייִדעלעך, זינגט זשע אַלע ייִדעלעך,**
**דעם ניגון דעם נײַעם, דעם ניגון דעם נײַעם,**
**לערנט זיך די לידעלעך פון ירושלים. (2X)**

**- 3 -**

**דרײַ מאָל אין יאָר וועלן מיר עולה-רגל זײַן, (2X)**
**נסָכים וועלן מיר גיסן פון דעם בעסטן ווײַן. (2X)**
**<u>רעפריין:</u> זינגט זשע אַלע ייִדעלעך, ...**

**- 4 -**

**דעמאָלט וועט גאָט זאָגן: "אַזוי איז מיר געפעלן", (2X)**
**דעם בית-המיקדש זאָלט איר בויען, דעם מזבח זאָלט איר שטעלן. (2X)**
**<u>רעפריין:</u> זינגט זשע אַלע ייִדעלעך, ...**

פון ירושלים דאַרף טאַקע אַרויסקלינגען גאָטס וואָרט פאַר אַלע ייִדן, און פאַר דער ניט-ייִדישער וועלט אויך. און אויב מע וועט זינגען זײַנע לידער – די לידער פון ירושלים – און פאָלגן זײַן וואָרט, און טאַקע **גיין** מיט זײַנע געזעצן, וועט ער אונדז לאָזן "**דעם בית-המיקדש ... בויען, דעם מזבח ... שטעלן**", און עס וועט זײַן גוט פאַר גאַנץ עם ישׂראל, און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

/************************/

ווי קענען מיר אָבער פאַרענדיקן אַזאַ אַרבעט וועגן ייִדיש און ייִדישן ליד, און ניט דערמאָנען די גרעסטע טראַגעדיע פאַרן ייִדישן פאָלק זינט חורבן בית שני – און אוודאי די גרעסטע טראַגעדיע פאַר ייִדיש לשון און קולטור – דער חורבן איבער מזרח אייראָפּעאישן ייִדנטום בעת דער צווייטער וועלט מלחמה.

איינע פון די וויכטיקסטע לידער וואָס איז אידענטיפיצירט מיטן חורבן, איז גאָר געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1938, נאָך איידער די גרויסע טראַגעדיע פאַרן ייִדישן פאָלק איז פאָרגעקומען. די נביאישע ווערטער פון איינער פון די וויכטיקסטע ייִדישע פאָלקס-פּאָעטן, מרדכי געבירטיג, האָבן נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה שוין שטורמיש אַרויסגערופן צום פאָלק זיך אויפוועקן, און אויפהערן זײַן גלײַכגילטיק צו דעם וואָס סע טוט זיך אַרום זיי.


אָנגעשריבן פון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה'תשס"ט.

## אונדזער שטעטל ברענט! – פון מרדכי געבירטיג

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רײַסן, ברעכן, און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען –
אַלץ אַרום שוין ברענט!
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך –
אונדזער שטעטל ברענט!...

- 2 -

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
ס׳האָבן שוין די פֿײַערצונגען
ס׳גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען,
און די בייזע ווינטן הודזשען –
ס׳גאַנצע שטעטל ברענט!
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך –
אונדזער שטעטל ברענט!...

- 3 -

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, ס׳קאָן, חלילה, קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,
בלײַבן זאָל, ווי נאָך אַ שלאַכט –
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך –
אונדזער שטעטל ברענט!...

- 4 -

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין אײַך אַליין געווענדט:
אויב דאָס שטעטל איז אײַך טײַער,
נעמט די כּלים, לעשט דאָס פײַער,
לעשט מיט אײַער אייגן בלוט –
באַווײַזט אַז איר דאָס קענט!
שטייט ניט, ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט!
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פײַער –
אונדזער שטעטל ברענט!...

מיר ווייסן, ליידער, גוט דאָס וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דעם חורבן פֿון מזרח אייראָפּעאישן ייִדנטום בעת דער צווייטער וועלט מלחמה. אַחוץ דער גרויסער חורבן ליטעראַטור אויף ייִדיש, אַרײַנגערעכנט דראַמעס, פּראָזע און פּאָעזיע, יזכּור ביכער פֿון די אומגעבראַכטע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, און אייגענע לעבנס-באַשרײַבונגען – איז פֿאַראַן אַ גאָר רײַכע רעפּערטואַר פֿון ייִדישן ליד פֿון אומקום און ווידערשטאַנד וואָס איז כּמעט אומבאַקאַנט אונדזער יוגנט.

איינער פֿון די וויכטיקסטע שעפֿערישע כּוחות פֿון דער חורבן תּקופֿה איז געווען דער ווילנער פּאַרטיזאַן-פּאָעט, שמערקע קאַטשערגינסקי. זײַנע לידער פֿון קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצי-חיה האָבן באַגײַסטערט און געמוטיקט די ייִדן אין געטאָ און אין די וועלדער, און נאָך דעם, די שארית הפּליטה וואָס האָבן געזוכט אַ נײַע היים אין דער נײַ-געבוירענער ייִדישער מדינה.

קאַטשערגינסקי איז אָבער אַליין אויך געוואָרן אינספּירירט פֿון די פֿול-מיט-האָפֿענונג ווערטער פֿונעם ערשטן אשכּנזישן הויפּט רב פֿון דער ייִדישער ייִשוב, הרב אברהם יצחק הכּהן קוק. ״***זאָל שוין קומען די גאולה, משיח קומט שוין באַלד***״, צוזאַמען מיט זײַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן ניגון, האָבן קאַטשערגינסקין אַרײַנגעגעבן אַן אײַנשפּריצונג פֿון שעפֿערישער קראַפֿט. דאָס האָט ער אַרײַנגענומען ווי דער באַזע פֿאַר דער רעפֿריין, פֿון איינע פֿון די רירנדיקסטע לידער אין דער געזאַנג רעפּערטואַר פֿון די שארית הפּליטה.

## זאָל שוין קומען די גאולה – פֿון שמערקע קאַטשערגינסקי

**(מוזיק און ווערטער פֿונעם רעפֿריין: הרב אברהם יצחק הכּהן קוק, זצ״ל)**

**-1 -**

**אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן, מאַכט מען אַ לחיים.**
**אויב דער אומעט לאָזט ניט רוען – זינגען מיר אַ ליד.**
**איז ניטאָ קיין ביסל בראָנפֿן – לאָמיר טרינקען מים,**
**מים-חיים איז דאָך חיים – וואָס דאַרף נאָך אַ ייִד?**

**-2 -**

**רעפֿריין:**
**זאָל שוין קומען די גאולה, } 3X }**
**משיח קומט שוין באַלד! } 2X**

**-3 -**

**ס'איז אַ דור פֿון כּולו חייב, זײַט ניט קיין נאַראָנים –**
**און פֿון זינדיקן – משיח גיכער קומען וועט!**
**אַך, דו טאַטעלע אין הימל, ס'בעטן בני רחמנים:**
**זע משיח זאָל ניט קומען אַ ביסעלע צו שפּעט...**
**רעפֿריין: זאָל שוין קומען די גאולה, } 3X } משיח קומט שוין באַלד! } 2X**

**-4 -**

**ס'טאַנצןביימער אין די וועלדער, שטערן אויפֿן הימל,**
**ר' ישׂראל, דער מחותּן, דרייט זיך אין דער מיט,**
**ס'וועט זיך אויפֿוועקן משיח פֿון זײַן טיפֿן דרימל**
**ווען ער וועט דערהערן אונדזער תּפֿילהדיקע ליד.**
**רעפֿריין: זאָל שוין קומען די גאולה, } 3X } משיח קומט שוין באַלד! } 2X**

אָנגעשריבן פֿון לייבל באָטוויניק, © אָקטאָבער. 2008. ה'תשס״ט. 

מערקווירדיק זײַנען קאַטשערגינסקיס לעצטע צוויי שורות פון דריטן פערז:

**״אַך, דו טאַטעלע אין הימל, ס׳בעטן בני רחמנים:**
**זע משיח זאָל ניט קומען אַ ביסעלע צו שפּעט...״**

ס׳איז אָבער נאָך ניט צו שפּעט, און ס׳איז דאָך פֿאַראַן האָפֿענונג: די דור-דורותדיקע ייִדישע האָפֿענונג פֿונעם *״אני מאמין״*.

מיר טאָרן, דעריבער, ניט אויפֿהערן צו זינגען, און ווײַטער זינגען אויף ייִדיש, כּדי עס זאָל טאַקע מקיים זײַן דאָס וואָס עס שטייט צום סוף פֿונעם ליד:

**״ס׳וועט זיך אויפֿוועקן משיח פֿון זײַן טיפֿן דרימל**
**ווען ער וועט דערהערן אונדזער תּפֿילהדיקע ליד.״**

דערפֿאַר מוזן מיר וואָס פֿריער אָט דער ייִדישער ליד-אײַנשפּריצונג אַרײַנגעבן אונדזערע ייִדעלעך, סײַ אין ארץ ישׂראל, און סײַ איבער אַלע תּפֿוצות ישׂראל.